# איבערגעריסן די תנאים

a5421

עס איז געווען א יינגע פרוי, א פארהייראטע, וואס האט ניט געקענט
געבוירן קיין קינדער. יעדעס יאר פלעגט זי פארן צום רבי, אזוי ווי עס
האט זיך געפירט מיט יארן צוריק. זי פלעגט שטענדיק נעמען מיט זיך א
פיינעם פדיון. דער רבי האט אויסגעהערט איר געבעט. זי האט זיך אומגע-
קערט אהיים, געווארט אויף א קינד, אבער דאס געוואונטשענע שוואנגערן איז
ניט געקומען.

אמאל, ווען די פרוי איז געקומען צום רבי, האט ער זיך פארטראכט
א קורצע ווילע און געפרעגט:

" פרוי, צו האסטו נישט איבער געריסן קיין תנאים מיט עמיצן, איידער
דו האסט חתונה געהאט מיט דיין איצטיקן מאן?"

די פרוי האט געשוויגן. זי האט זיך מודה געווען, אז איז אזוי גע-
ווען.

" מען קען גארנישט מאכן"- האט געזאגט דער רבי." דו מוזט אים אפ-
זוכן, יענעם בחור, און בעטן ער זאל דיר מוחל זיין. די נישט אויסגעפילטע
האפנונג פון דעם איבערייסן די תנאים, שטעקט נאך טיף אין זיין הארצן; ער האט
דיר נישט מוחל געווען ביזן היינטיקן טאג. אהן דעם דאזיקן באדינג, קען
איך דיר מיין ברכה נישט געבן. דו וועסט אים טרעפן אינם צווייטן שטעטל."

די פרוי האט געוויסט, דאס איר געוועזענער חתן, איז א געבוירענער
אינם צווייטן שטעטל. זי האט קיין ווארט נישט געזאגט איר מאן און תיכף,
צומארגנס פרי, איז זי אהין געפארן. עס איז געווען א מארק- טאג און
אויפן גרויסן פלאץ זענען געווען פארזאמלט טויזנטער מענשן; סוחרים און
קונים.

האט די פרוי געזוכט אין מארק, נאר זי האט ניט געפונען וואס זי
האט געזוכט. נאר אט, איז א מאן ווי פון דער ערד ארויס און האט זיך נעבן
איר אוועקגעשטעלט. זי האט אים גלייך דערקענט; דאס איז געווען ער, איר ערש-
טער חתן, מיט וועלכן זי האט די תנאים בוטל געמאכט. דער מאן האט א בליק
געטאן אויף איר און זיך עטוואס דערווייטערט פון איר.

" ער איז נאך אלץ בייז אויף מיר, נאך די אלע יארן וואס זענען פאר-
ביי."- האט זי זיך געטראכט.

דער מאן איז געגאנגען ווייטער און זי- נאך אים. זי האט אים ביים
נאמען גערופן, נאר ער האט זיך צו איר נישט אויסגעדרייט. אבער ווען זי
האט געוואלט זיין פלייצע אנרירן, כדי צו ווענדן זיין אויפמערקזאמקייט,-
האט ער זיך אויסגעדרייט צו איר און געפרעגט:

" וואס פארלאנגסטו פון מיר?"

" איך בעט, דו זאלסט מיר מוחל זיין, וואס איך האב בוטל געמאכט
דאן די תנאים. עס איז שוין צייט, זאלסט אויפהערן צו טראכטן פון מיר;
לאז אויך מיך פירן מיין לעבן לויט מיין ווילן."

" איך האב דיר נישט וואס צו זאגן"- האט ער געענטפערט ניט קוקנדיק
אויף איר.

אויך זי האט אים נישט געקענט קוקן אין די אויגן. א מאדנער גלאנץ
איז געווען אנבעצונדן אין זיי. נאך א קורצן שטילשווייגן האט ער צוגעגעבן:

" פאר אין שטעטל, איבערן בריק, דארט אין צווייטן הויז, לינקס פון
בית המדרש, וווינט א פרוי מיט דריי טעכטער. גיב דער דאזיקער פרוי צוויי
הונדערט קערבלאך. זאג איר דארט, אז איך האב איר דאס געלט געשיקט. נאכדעם
ווי דו וועסט דאס געלט איבערגעבן, וועסטו זיין פריי פון יעדן בינד מיט
מיר; ווי מיר וואלטן זיך קיינמאל נישט געקענט."

די פרוי האט געוואלט עפעס פרעגן, נאר זי האט דעם מאן מער נישט
געפונען, אזוי ווי די ערד וואלט אים איינגעשלונגען. זי האט גענומען מיט
זיך געלט און געפארן אין יענעם שטעטל. זי איז אריין אין דעם הויז און
האט דארט ווירקליך געטראפן א פרוי, א מאמע פון דריי טעכטער. זי האט איר
איבערגעגעבן, דאס דער מאן האט זי געשיקט צו איר.

די פרוי האט זיך א ביסל דערשראקן.

" ער איז מיין ברודער. ער איז געשטארבן מיט עטליכע יאר צוריק"- האט
די פרוי געזאגט.

65421

איצט האט די יינגע פרוי פארטאנען די גאנצע זאך.
" אייער ברודער האט מיך געבעטן אייך איבערצוגעבן צוויי הונדערט
קערבלאך."

אזוי איז געווען פול די פרייד איןביידע הייזער. די דאזיקע פרוי
איז געווען זער ארעם און זי האט נישט געהאט מיט וואס חתונה צו מאכן
די טעכטער. איצט האט זי געהאט געלט אויף א נדן פאר די עלטסטע טאכטער.
דאס עלטערע מיידל האט טאקע חתונה געהאט און די מוטער איז געבליבן מיט
צוויי טעכטער בלויז אין דערהיים.
אויך די יינגע פרוי איז געווארן אויסגעלייזט פון דער שולד, פון
איבערייסן די תנאים: זי האט געבוירן א זון. יעדעס יאר פלעגט זי וויטער
פארן צום רבי. זי האט אים געבראכט א פדיון, אבער קיינמאל איז נישט גע-
ווארן דערמאנט דאס איבערייסן די תנאים מיט איר ערשטן חתן.

פארשריבן פון משה בורט
געהערט פון פסיה לוואי, א גע-
בוירענע אין בראד, פוילן. זי
האט געהערט די דערציילונג אין
בראד מיט יארן צוריק.

יידן האבן געגלויבט אין אויסערגעוועגליכע
זאכן. למשל - תנאים, דאס איז געווען א היילינקע
זאך. מען האט זיך צענויפגעזאמלט ביים טיש, מען
האט געשריבן תנאים, מען האט געבראכן טעלער און
געווינשן זיך מזל- טוב.
דעריבער - איבערייסן די תנאים, דאס איז
געווען א גרויסע באליידיקונג, א שלעכטער סימן
און א גרויסער פלעק אין דער משפחה.

5421 (1)

# הפרת תנאי הארוסין

היתה אשה צעירה, נשואה, אשר לא יכלה ללדת. בכל שנה, כנהוג בימים ההם, נסעה היא לרבי. היא לקחה עמה פדיון נאה, הרבי שמע לתחנוניה, היא חזרת הביתה, חיכתה לילד, אך ההריון המבוקש לא בא.

פעם, כשבאה האשה לרבי, חשב הוא מספר דקות ושאל אותה:

" אשה, האם לא הפרת תנאי- שידוך עם מישהו, לפני שהתחתנת עם בעלך הנוכחי?"

האשה שתקה. היא הודתה, כי אמנם כך קרה.

" אין מנוס!"- אמר הרבי." עליך לחפש אחרי האיש ההוא ולבקש ממנו סליחה. אכזבתו מן הפרת התנאים, עדיין תקועה בלבו ואין הוא מחל לך עד היום הזה. ללא התנאי הזה, אין אני יכול לתת לך את ברכתי. תמצאי אותו בעיירה השניה."

ידעה האשה, כי החתן לשעבר נולד בעיירה השניה. היא לא סיפרה דבר לבעלה ומיד, למחרת בבוקר, היא נסעה לשם. היה זה יום שוק והתאספו בככר הגדולה אלפים; סוחרים וקונים.

חיפשה האשה בכל השוק, הביטה בפני הגברים ולא מצאה את מבוקשתה. אך הנה, כאילו יצא גבר מתוך האדמה ונעמד על ידה. היא הכירה אותו מיד; היה זה החתן הראשון שלה, שעמו היא ביטלה את התנאים. האיש הביט בה ועשה מספר צעדים ממנה, מבלי להביט בה.

" אחרי כל השנים הללו, הוא עדיין כועס עלי." חשבה לה האשה.

האיש החל ללכת והיא צעדה אחריו. היא קראה לו בשמו, אך הוא לא הסתובב אליה. אולם, כשהיא רצתה לנגוע בגבו, כדי להפנות את תשומת לבו אליה, סיבב הוא את גופו כלפיה ושאל:

" מה רצונך ממני?"

" אני מבקשת ממך שתסלח לי על הפרת התנאים בינינו. הגיע כבר בזמן, שתחדל לחשוב עלי; תרשה גם לי לנהל את חיי כרצוני."

" אין לי מה לומר לך!"- השיב הוא לה מבלי להביט בה.

גם היא לא יכלה להביט לתוך עיניו. ברק מוזר היה דלוק בתוכן. לאחר שתיקה קלה הוא הוסיף:

" סעי לעיירה, מעבר לגשר, לבית השני, שמאלה מבית המדרש. שם גרה אשה עם שלוש בנות. תמסרי לאשה הזאת מאתיים רובלים. תגידי לה, כי אני שלחתי לה את הכסף. אחרי מסירת הכסף, תהיי חפשיה מכל קשר אתי, כאילו אף פעם לא הכרנו זה את זו."

האשה רצתה עוד לשאול דבר מה, אך היא לא מצאה אותו יותר; כאילו בלעה אותו האדמה. היא הצטיידה בכסף ונסעה לעיירה שמעבר לגשר. היא נסעה לבית ואמנם מצאה שם אשה, אשר שלש בנות לה. היא מסרה שהאיש שלח אותה אליה.

האשה נבהלה במקצת.

" הוא אחי. הוא מת לפני כמה שנים"- אמרה האשה.

עכשו הבינה האשה הצעירה את פשר כל הענין:

" אחיך בקשני למסור לך מאתיים רובלים".

ובכן, השמחה היתה שלמה בשני הבתים. היתה האשה אם לשלש בנות גדולות, ענייה מאד והכסף הזה נוצל לנדוניה עבור בתה המבוגרת. הבת אמנם התחתנה והאם נשארה בבית עם שתי בנותיה צעירות יותר.

גם האשה הצעירה נגאלה מהפרת התנאים: היא ילדה בן. כל שנה היא נסעה לרבי, הביאה לו פדיון יפה, אך לעולם לא הוזכר יותר ענין הפרת התנאים עם החתן הראשון.

רשם משה בורט
מפי פסיה לוואי מברוד, פולין.
היא שמעה את הסיפור בברוד
לפני שנים רבות.

---

יהודים האמינו, לפני שנים, בדברים יוצאים מן הכלל. למשל - תנאים: זה היה דבר קדוש. המשפחה התאספה מסביב לשלחן, כתבו תנאים, שברו צלחות ואיחלו מזל טוב.

לכן - הפרת תנאים היה עלבון גדול, סימן רע לעתיד וכתם גדול במשפחה.